ייִדישע שפּראַך, דעצעמבער 1958, ב' XVIII, נ' 3, זז' 65-72.

# די שפּראַך פֿון אַ ייִדישער ראַדיאָ־סטאַנציע אין ניו־יאָרק*

פֿון ט. גוטמאַנס

דער מאַטעריאַל פֿון דער דאָזיקער אַרבעט איז צונויפֿגעשטעלט אויפֿן סמך פֿון בערך צען שעה טראַנסמיסיעס פֿון דער ניו־יאָרקער ראַדיאָ־סטאַנציע WEVD, וואָס איך האָב פֿאַררעקאָרדירט מיט אַ רעקאָרדיר־מאַשין אין פֿאַרשיידענע צײַטן אין פֿרילינג און אין האַרבסט 1957. די סטאַנציע איז אויסגעקליבן געוואָרן צוליב דעם וואָס זי ברענגט דעם גרעסטן טייל פֿון די פּראָגראַמען אויף ייִדיש וואָס מען קען הערן אין ניו־יאָרק.[1]

אויב מיר קוקן זיך צו פֿון אַ לינגוויסטישן שטאַנדפּונקט צו אָט די פּראָגראַמען, קאָנסטאַטירן מיר אַז בדרך כּלל ניצן די ריידערס פֿון דער סטאַנציע אַ גוט ייִדיש לשון, אַז קיין פֿרעמדן אַקצענט האָבן זיי ניט, אַז ייִדיש איז טאַקע זייער מוטערשפּראַך. דאָ וועל איך זיך דערעיקרשט אָפּשטעלן אויף צוויי געביטן: אַרויסרייד און וואָרט־אוצר.

(א) פֿאָנעטיש גערעדט, איז סײַ דער וואָקאַליזם סײַ דער קאָנסאָנאַנטיזם פֿונעם רובֿ ריידערס אויף דער דערמאָנטער ראַדיאָ־סטאַנציע אַ ריין ייִדישער. דרך־אַגבֿ האָב איך באַמערקט אַז כּמעט אַלע ניצן אַ צעפּל־ריש, אַחוץ בײַ געוויסע אויסלענדישע נעמען.[2] אויך די אינטאָנאַציע פֿון די ראַדיאָ־ריידערס איז אַ טיף ייִדישלעכע און קיין בפֿירושע פּראָווינציאַליזמען אין אַרויסרייד (ווי דאָס רומעניש „טאַטע־מאַמע") האָב איך אויך ניט געהערט.

אָבער מען קען זיך באַלד אָנשטויסן אַז ניט אַלע ריידן אויף דער זעלביקער הבֿרה. אין איין פֿרימאָרגן האָב איך פֿאַררעקאָרדירט צוויי נײַסבאַריכטן, געבראַכט דורך צוויי פֿאַרשיידענע לייענערס. און היות ס'איז צווישן די צוויי באַריכטן געווען ניט מער ווי איין שעה אָפּשטאַנד, זײַנען געוויסע ידיעות טאַקע געווען די אייגענע. אַכט אַ זייגער האָב איך זיך דערוווּסט אַז דער אַרויספֿאָר פֿון פּוילישע ייִדן האָט אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער — און מיט איין שעה שפּעטער האָט

* דער אַרטיקל איז אַ באַאַרבעטונג פֿון אַ רעפֿעראַט וואָס דער מחבר האָט געהאַלטן דעם 9טן אַפּריל 1958, אויף דער קאָנפֿערענץ פֿאַר ייִדיש־פֿאָרשונג אין ניו־יאָרק.

[1] לויט די אינפֿאָרמאַציעס וואָס עס האָט צוגעשטעלט דער דירעקטאָר פֿון WEVD, ה. גרינפֿעלד, ברענגט די סטאַנציע אַרום פֿופֿציק שעה אַ וואָך „ייִדישע" פּראָגראַמען; זיי זײַנען טיילווײַז אויף ענגליש, אָבער דאָס רובֿ טאַקע אויף ייִדיש. די צאָל צוהערערס פֿון WEVD ווערט געשאַצט אויף העכער 1,750,000.

[2] בשעתו פֿלעגט נח פּרילוצקי ז"ל טענהן, אַז לכל־הפּחות אַ העלפֿט פֿון אַלע ייִדיש־ריידערס ניצן אַ צונגשפּיץ־ריש, אָבער ס'איז שווער צו קאָנטראָלירן די דאָזיקע טענה.

מען געמאָלדן אַז דער אַרויספּור פֿין פּוילישע יידן האָט אונגענעמען אַ מאַסן־
כאַראַקטער. אויב די ידיעה גופֿא איז מיר אַוודאי ניט געווען צום האַרצן, האָט
דער אונטערשייד אין אַרויסרייד מיך בשום אופֿן ניט געאַרט. וואָרעם איך האַלט
אַז אַרויספּור איז פּונקט אַזוי דערלאָזלעך ווי אַרויספֿאָר און אונגענעמען איז
פּונקט אַזוי גלײַך ווי אָנגענומען. מיט אַנדערע ווערטער, איך פֿאָדער ניט, אַז עס
מוז זײַן דווקא ליטווישער יידיש ver kumt tsu forn, אָדער דווקא אוקראַי־
נישער יידיש Veyr kimt tsi furn. איך דערמאָן דערעיקרשט ליטווישן און
אוקראַיִנישן יידיש, ווײַל בײַ הײַנטיקן טאָג הערט זיך פּוילישער יידיש אַלץ
ווייניקער אין עפֿנטלעכן לעבן. דער וואַרשעווער יידישער מלוכה־טעאַטער, וואָס
איך האָב אים פֿאַר אַ יאָרן געזען אויף גאַסטראָלן אין אייראָפּע, האָט אַ פּנים
אײַנגעפֿירט ווי אַ נאָרמאַלן נוסח ניט פּוילישן יידיש, נאָר דווקא אוקראַיִנישן
יידיש. דרך־אַגבֿ איז אַזאַ מין אַרויסרייד בהסכּם מיט דער טראַדיציע פֿון יידישן
טעאַטער זינט גאָלדפֿאַדן.[3] אָבער אַ פּוילישער אָדער אַפֿילו אַ רומענישער אַרויס־
רייד וואָלט אַלץ געווען אַ קלענערע עוולה אײדער אַ צ ע מ י ש ע נ י ש פֿון
דיאַלעקטן.

לאָמיר זיך נענטער צוקוקן צו עטלעכע פֿאַרעקאָרדירטע פּראַזעס. דאָס אויס־
מישעניש פֿון וואָקאַלן מוז אויסקומען גאָר מאָדנע פֿאַר יעדער איינעם וואָס איז
אויפֿגעהיט אין זײַן יידיש:

כושעווע צוהערער;
גוט פֿלייש, קושער פֿלייש;
דאָס ערשטע מול, דאָס צווייטע מול;
פֿין טאָג צי טאָג;
אַ גיט וואָרט פֿון אונדזערע חבֿרה;
ער האָט געזוכט ביז ער האָט געפֿינען.

אין די אַלע זאַצן אַרט מיך מער נישט איין זאַך: דאָס וואַקלעניש, די נישט־
אויסגעהאַלטנקייט. זאָל זײַן: אָדער כאָשעווע צוהערער אָדער כושעווע ציהערער
א״אַז״וו. אַנדערע זײַנען אפֿשר שטרענגער אין זייער צוגאַנג,[4] אָבער איך פּערזענלעך
האָב טענות נאָר צו די וואָס ריידן נישט אויף א י י ן נוסח, נאָר גלײַכצײַטיק
אויף עטלעכע נוסחאות, צו די וואָס מישן אויס איין דיאַלעקט מיטן צווייטן.
זמת, אין טאָג־טעגלעכן לעבן קומט צום באַדויערן גאַנץ אָפֿט אויס צו הערן
אַזאַ מין פּלאָנטער. דאָס הייסט אָבער ניט אַז די מענטשן וואָס פֿירן אויס אַ
וויך קולטור־שליחות מעגן זיך באַציִען צו דער שפּראַך מיט אַזאַ אָפּגעלאָזנקייט.

אויפֿן סמך פֿון אַ גרונטיקן אַנאַליז פֿון דעם אַרויסרייד פֿון אַ ריי מיטאַרבע־
טערס אויף דער סטאַנציע WEVD בין איך געקומען צו אַזאַ אויספֿיר:
בשעת די ליטוואַקעס ריידן בדרך כּלל אויף אַן אויסגעהאַלטענעם און לפֿי־ערך

[3] זען נח פּרילוצקי, „די יידישע בינעשפּראַך“, יודיש טעאַטער, 1927, נומ׳ 2.

[4] זען דער הויפּט יודל מאַרקס און אוריאל ווײַנרײַכס אַרטיקלען אין יודישע שפּראַך, ׳ XI (1951).



ריינעם ליטווישן יידיש, מישן דאָס רובֿ ניט־ליטווישע יידן זייער הבֿרה אויס
מיט ליטוויש. בײַ אַ טייל פֿון די לעצטע איז דאָס אויסמישעניש פֿון די ליטווישע
קלאַנגען אַזוי שטאַרק, אַז מען מוז זייער נוסח אָנרופֿן „ליטוויש מיט אַ קאַפּעלע
אוקראַיִניש“ (למשל: „האָבן שוין 25,000 יידן אונגעגעבן אַפּליקאַציעס אויף
אַרויסצופֿאָרן“). בײַ אַנדערע איז די ליטווישע השפּעה אַזוי שוואַך, אַז זייער
אַרויסרייד בלײַבט „אוקראַיִניש, אָבער מיט אַ קאַפּעלע ליטוויש“ (למשל: ייִסרועל
פֿאַרלאַנגט נאָר דוס ווּס יעדע אומאָפּהענגיקע לאַנד האָט רעכט צי פֿאַרלאַנגען“).

הגם דער זעלביקער ריידער ברענגט ניט אַלע מאָל אַרויס די זעלביקע
ווערטער אויף דעם אייגענעם שטייגער (דער זעלביקער לייענער קען זאָגן איין
מאָל פֿין און אַן אַנדערש מאָל פֿון — אַפֿילו אין דעם אייגענעם זאַץ!), איז פֿאָרט
מעגלעך צו דערקענען אַלגעמיינע טענדענצן אין אַרויסרייד פֿון ניט־ליטווישע
יידן. אָט זײַנען מײַנע קאָנסטאַטירונגען:

(1) עס שפּירט זיך אַ בפֿירושע טענדענץ צו סטאַביליזירן דעם אַרויסרייד
פֿון אַ טייל פּרעפֿיקסן און פּרעפּאָזיציעס. אַזוי למשל איז אָנ־ (אָננעמען) כּמעט
אַלע מאָל מיטן קלאַנג [ו]: „אונגעקומען“, „אונגענומען“, „אונגעגעבן“, „אונבאָט“.
דאָס זעלביקע איז חל אויך אויף אָפּ־: „אופּגעזוגט“, „אופּמאַך“. פֿאַרקערט ווערט
דער פּרעפֿיקס אומ־ בדרך כּלל אַרויסגערעדט אויפֿן ליטווישן שטייגער: „אומ־
קומען“, „אומקערן“, „אוממעגלעך“ און אויך — „אומעטום“.

(2) דער סופֿיקס ־קייט ווערט אַרויסגערעדט דורכויס „קעיט“ — אויפֿן
אוקראַיִנער שטייגער: „פֿײַכטקעיט“, „טעטיקעיט“ אאַז״וו.

(3) פּונקט אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג גייט מען, ווען מען רעדט אַרויס די
פּרעפּאָזיציע און ווערבאַלן טייל דורך אויפֿן ליטווישן אופֿן, און ניט „דערך“
(אָדער „דערעך“), ווי עס איז די אמתע אוקראַיִנער פֿאָרעם. אָבער איין מאָל האָב
איך געהערט אַזאַ מין קאָמבינאַציע: „דורעכגאַנג“.

(4) דער קלאַנג [ou] הערט זיך לפֿי־ערך זעלטן. אין די פֿאַלן ווו דאָס ניט־
ליטווישע יידיש פֿאַרמאָגט פּאַראַלעלע פֿאָרמען ווי: ous—oys, oukh—oykh,[5]
הערט זיך בדרך־כּלל די פֿאָרעם מיט oy. און אַפֿילו דאָרטן ווו די פּוילישע יידן
זאָגן דורכויס ou, ווי אין פֿרוי, הערט זיך אַלץ אָפּטער oy.[6] איך האָב פֿאַרצייכנט
oyf, froy, toyznt. און דאָך קען מען הערן אויך אַזעלכע אַרויסריידן: אינ־
לענדיש in ouslendiše; ousgeputste (puts!); farštorbene frou.
און אָט איז אַ גאַנצער זאַץ: di firme *vus* hot gebrakht aza *ou*frikh-
tikn ratunek *tsi touznter un touznter*.

(5) קיין איין מאָל איז ניט אויסגעקומען צו פֿאַרצייכענען די לאַנגע [אַ] אין

[5] Salomo Birnbaum, *Praktische Grammatik der Jiddischen Sprache* ... Wien u. Leipzig, p. 103.

[6] אין אַ געוויסער מאָס קומט זיך די דאָזיקע טענדענץ צונויף מיט די באַמיִונגען פֿון די ליטוואַקעס אײַנצופֿירן ױ אַנשטאָט יי אין די ווערטער פֿון טיפּ: ברויט, וויל, שוין.

די פֿאַלן ווו ליטווישער ייִדיש האָט יֵי. מען ניצט הן וואָרט־אויס (דרײַ, פֿרײַ, בײַ), הן וואָרט־אין (לײַט, זײַן, ווײַב) תּמיד [אַי].[7]

(6) קיין מאָל האָב איך ניט געהערט „מיליון", נאָר דורכויס מיליאָן. פֿאַרקערט, הערט מען „מונטיק".

(7) כאָטש אין ליטעראַרישן לשון איז דערלאָזלעך: נוצן און ניצן, הערט מען אַז גראָד די רײדערס וואָס האָבן זיך ערשט שפּעטער אויסגעלערנט ליטווישן ייִדיש, האָבן ליבער די פֿאָרעם נוצן. אַזאַ רײדער האָט זיך אַפֿילו אַליין פֿאַרריכט „ניצן... נוצן". ס'איז פֿאַררעקאָרדירט דורכויס וונדער און ניט „ווינדער" און ממילא אויך: וונדער־געטראַנק, וונדערלעך א"אַ.

(8) ס'נעמען זיך וואָס מער אָן אַזעלכע קינסטלעכע פֿאָרמען ווי: טון, אָנטון, געטון. כּידוע האָט ליטוויש ייִדיש: טאָן, אָנטאָן, געטאָן און די אַנדערע דיאַלעקטן דורכויס: טין (לאַנגע י), אָנטין, געטין. אַן ענלעכע קאָנטאַמינאַציע איז unneymen, ווײַל אויף אוקראַאִינער ייִדיש איז דאָך דאָס וואָרט דווקא nemen און ניט neymen.

(9) גאַנץ אָפֿט הערן זיך פּאַלאַטאַליזירטע קלאַנגען (בפֿרט נ' און ט') דאָרטן ווו די כּלל־שפּראַך ניצט דעם ניט־פּאַלאַטאַליזירטן קאָנסאָנאַנט. איך האָב פֿאַרצייכנט: „טעלעפֿאָניִרט", „אינטיערעסן", „מאַטיעריאַלן", „האַרמאָנייִש", „טראַדיִציע" און אַפֿילו „פּראַגיִע".

פּ ר ט ־ נ ע מ ע ן זײַנען אַ פּראָבלעם פֿאַר ראַדיאָ־רײדערס אומעטום איבער דער וועלט. נעמענדיק אין אַכט אַז די נײַס־לייענערס פֿון WEVD האָבן גאָר אַ פֿילזײַטיקן און באמת אינטערנאַציאָנאַלן הינטערגרונט, איז פֿאַרשטענדלעך אַז בדרך כּלל רײדן זיי די פּרט־נעמען אַרויס ווי ס'געהער צו זײַן. זיי קענען דאָך ניט נאָר ענגליש און העברעיִש, נאָר אויך רוסיש און אַנדערע אייראָפּעיִשע שפּראַכן. אַ מאָל פֿלײַסן זיי זיך אָבער אַרויסצורײדן אַמעריקאַנער נעמען אויף הונדערט פּראָצענט מיט ענגלישע קלאַנגען, וואָס קומט אויס ניט אין גאַנצן ייִדישלעך. און אַ מאָל כאַפּט זיך אַרײַן אַן ענגלישער אופֿן אַרויסרײדן אין אַ פֿראַנצייזישן נאָמען אויך. למשל: איך האָב געהערט דעם נאָמען פֿון אויסלאַנדס־מיניסטער פֿון פֿראַנקרײַך — „קרי'סטשען פּינאָ" אַנשטאָט: קריסטיאַ'ן פּינאָ. און פֿאַר וואָס עפּעס „האַמערשילד" און ניט האַמערשעלד,[8] ווי ס'באַדאַרף צו זײַן? און פֿאַר וואָס אַזעלכע פֿאָרמען ווי: „קרעמלין", „לעבאַנאָן" — אַנשטאָט קרעמל און לבֿנון? אָבער אַרום און אַרום קען דער ייִדישער ראַדיאָ שטאָלצירן מיט אַ בעסערן אַרויסרייד פֿון די פּרט־נעמען איידער דאָס רובֿ ראַדיאָ־סיסטעמען אין דער וועלט.

(ב) לאָמיר אַריבערגיין צו דער פֿראַגע פֿון וואָרט־אוצר און פֿראַזעאָלאָגיע. די ווײַטערדיקע אַכטגעבונגען זײַנען ניט נוגע דער אַלגעמיינער אָפּשאַצונג פֿון דער שפּראַך, זיי שטעלן זיך בלויז אָפּ אויף געוויסע פֿאַלן, וואָס זיי וואָלטן

---

[7] ס'ווײַזט אויס אַז אויך דאָ האָבן מיר בײַ דעם רובֿ ניט־ליטווישע ראַדיאָ־רײדערס בעצם דעם זעלביקן אַרויסרייד ווי בײַ די ליטוואַקעס.

[8] דער קלאַנג ö (Hammerskjöld) ווערט דאָך אין ייִדיש כּסדר פֿאַרביטן דורך e.



משמעות געקענט זייער גרינג פֿאַרריכט ווערן. איך וועל זיך באַגרענעצן מיט אַ קליינעם אויסשניט פֿון אָנגעקליבענעם מאַטעריאַל און אָנווײַזן מערניט אויף עטלעכע כאַראַקטעריסטישע שטריכן.

ד ײַ ט ש מ ע ר י ז מ ע ן. זייער צאָל איז ניט איבעריק גרויס, אָבער זיי חזרן זיך שטענדיק איבער. איך האָב פֿאַרצייכנט די ווײַטערדיקע:

„שטונדע", אַלע מאָל „פֿאָרווערטס־שטונדע", אָבער מען הערט אויך: שעה;

„אורשפּרונג" — פֿאַר וואָס עפּעס ניט: מקור, אָפּשטאַם, קוואַל, אויפֿקום?

„אָנקל" און „טאַנטע", אַנשטאָט פֿעטער און מומע. די דײַטשמעריזמען זײַנען אַפֿילו אַרײַן אין ייִדיש־ענגליש: you make me laugh, tante.

„פֿאָרשלאַג", אָבער אַ מאָל אויך דאָס בעסערע וואָרט פֿאָרשלאָג; נאָך ייִדישלעכער וואָלט אפֿשר געווען פֿאָרלייג, וואָס טייל לינגוויסטן ניצן עס;

„ווילטעטיקע צוועקן", ווען עס איז פּראָסט און פּשוט — צדקה;

„וואַגן", אַנשטאָט דערוועגן זיך (ער וועט ניט וואַגן צו שטערן);

„פֿאַרלוימדונגען", אַנשטאָט רכילות, אויסטראַכטענישן, בלבולים;

„לייזן" די פּראָבלעמען, אַנשטאָט פֿאַרענטפֿערן;

„וואָרשײַנלעך" (זייער אָפֿט גענוצט), אַנשטאָט: משמעות, על־פּי־פּנים, מסתּמא א"אַ;

„די פֿליכטלינגען" און אַפֿילו „די פֿליכטלינגע", אָבער אַ מאָל הערט מען אויך: פּליטים.

אַקעגן זשע האָב איך זיך דערוווּסט מיט דער גרעסטער (שפּראַכיקער, פֿאַרשטייט זיך) הנאה אַז אַדלעי סטיווענסאָן איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר אַ בעל־יועץ — און דווקא נישט פֿאַר קיין 'ראַטגעבער' — בײַ דער נאַטאָ־קאָנפֿערענץ.

אַ נ ג ל י צ י ז מ ע ן. אַ מין אַנגליציזם וואָס האָט מער אַ פֿאָנעטישן איידער אַ לעקסישן כאַראַקטער האָב איך גאַנץ אָפֿט געהערט אין דעם זאַץ: „...איז געשטאָרבן פֿון אַ „האַרט־אַטאַקע", אַנשטאָט האַרץ־אַטאַק(ע). גאָר אָפֿט הערט מען אַנגליציזמען אין איינעם מיט אַ גוט ייִדיש וואָרט, משמעות כּדי דער זאַץ זאָל זײַן גרינגער צו פֿאַרשטיין (ס'איז ניט אַלע מאָל קלאָר וואָס איז דאָ דער פּירוש: דאָס ענגלישע צי דאָס ייִדישע וואָרט?). אָט זײַנען דוגמאות:

„אַ גוט שטיקל קעז — אָדער 'טשיז', ווי מען רופֿט עס אויפֿן אַמעריקאַנער ייִדיש";

„צו אָנטשפּאַנען, 'רילעקס' הייסט עס, די גלידער";

„...שטימט ניט פֿאַר קאַנדידאַטן, נאָר פֿאַר בילדער, פֿאַר 'פּיקטשערלעך'";

„דער סענאַטאָר איז צוריקגעקומען פֿון 'מידל איסט' און געזאָגט אַז אין מיטעלן מזרח איז די לאַגע..."

ס'קומט אויך אויס מאָדנע צו הערן ענגלישע ווערטער פֿאַר אינטערנאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, וואָס פֿאַר זיי האָט יעדער שפּראַך אירע אייגענע טערמינען. כּסדר הערט מען „די יו־ען דזשענעראַל אַסעמבלי", אַנשטאָט: די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער.

דעם פּשוטסטן טיפּ אַנגליציזמען האָבן מיר פֿאַררעקאָרדירט אין די זאַצן: „בנימין האָט אַ ‚בײַבל‘“; „די רויטע ‚סקווער‘ אין מאָסקווע“; „אַ זאַמלונג פֿון ‚סטעמפּס‘“; „אַלע ‚סטאָרס‘ זײַנען אָפֿן“, „ער האָט געמוזט אָפּלייגן דעם ‚אַפּאָינט־מענט‘“; „עס איז אַ ווינטערדיקער פֿאַרנאַכט, פֿאַר ‚סאַפּער‘“; אָט איז אַ ‚טשער‘, זעצט זיך צו“; „אין דעם אָרעמען ‚בעדרום‘... שטייען צוויי בעטן“; „דער פּרע־זידענט האָט געמאַכט אַ ‚סטעיטמענט‘“;[9] „איך גיי ‚לאָנטשטײַם‘ אין אויטאָמאַט אויף אַ ‚קאָפּי־קאָפּי‘“.

חוץ די ענגלישע ווערטער, וואָס ווערן אַרײַנגעשטעלט מיט דער ברייטער האַנט אין ייִדישע זאַצן, קען מען נאָך אונטערשיידן געוויסע אַנדערע גרופּעס אַנגלי־ציזמען:

(1) נײַע ענגלישע פֿאָרמאַציעס וואָס אין אַנדערע שפּראַכן זײַנען זיי ניטאָ, למשל: „קויפֿט עס אין דעם ‚קינגסײַז־פּאַקעט‘“;[10]

(2) קאָנטאַמינאַציעס, למשל: „אַרויסגענומען אַ ‚שפּלינטער‘ פֿון זײַן פֿוס“ (אַ צונויפֿשמעלץ פֿון ייִדישן שפּליטער און ענגלישן ספּלינטער);

(3) דאָס אַרויסריידן אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער אויף אַן ענגלישן שטייגער: „ווײַטאַמינס“, אַנשטאָט וויטאַמינען, „פּראָטין“, אַנשטאָט פּראָטעין אאַז״וו; (דאָך האַלט איך אַז אין דער פֿראַזע: „וויטאַמינען, איבער הויפּט וויטאַמין סי“ — איז סי יאָ דערלאָזלעך, ווײַל עס קומט דאָך מיט דעם לאַטײַנישן אות, וואָס פֿאַר אים איז דאָך קיין פֿעסט אײַנגעשטעלטער ייִדישער אַרויסרייד ניטאָ; סי איז פּונקט אַזוי גלײַך ווי צע.)

(4) ענגלישע ווערטער מיט ייִדישע ענדונגען, למשל: „זײַן ‚האָבי‘ איז צו ‚קאָלעקטן פּיקטשערס‘“; „דער סטרײַק איז ‚געסעטלט‘ געוואָרן“ (אַנשטאָט: פֿאַר־ענדיקט, ליקווידירט);

(5) צונויפֿהעפֿטן לויטן ענגלישן שטייגער, למשל: „געפּאַקט אין שפּאָגל נײַע ‚פֿרישקייט־באַשיצונג־פּאַקעטן‘“; „‚זיסקייט־פֿאַרזיגלטער‘ פּאַקעט“, אָדער אויך „‚די ברענד‘ מיט דער ‚פֿאַרזיגלטער זיסקייט‘“; „פֿריש־פֿרוכט־קאָונטער“ און אַפֿילו איין מאָל „‚סעקרעטאַר־גענעראַל‘ האַמערשילד“, אַנשטאָט דעם כּסדרדיקן גענעראַל־סעקרעטאַר;

(6) ענגלישע פֿראַזעאָלאָגיע, וואָס איז צום באַדויערן שטאַרק פֿאַרשפּרייט. אָט זײַנען צוויי בײַשפּילן פֿון קאָמערציעלע אַנאָנסן: „קריגט עס נאָך הײַנט“ get it...; „זײַט זיכער צו פֿרעגן אויף“ make sure to ask.... אָבער פּאַראַלעל צו דעם קען מען הערן די ייִדישלעכע פֿאָרמולירונג: גדענקט זשע צו קויפֿן די פֿײַנסטע!

פֿאַראַן אויך סטיליסטישע ניט־אויסגעהאַלטנקייטן וואָס האָבן ניט קיין שײַכות צו אַנגליציזמען, למשל אין אַזאַ זאַץ: „מיר וועלן פֿירן אונדזער שמועס אין דער

[9] אָבער to state איז אַלע מאָל — דערקלערן.

[10] די דײַטשן האָבן אויף דעם געפֿונען אַן „אייגן“ וואָרט: Königsformat. אויף ייִדיש אפֿשר — „מלכּס מאָס“?



פֿאָרעם פֿון פֿראַגן [פֿראַגעס איז בעסער!] און תּשובֿות“ — פֿאַרשטייט זיך, אַ סך אויסגעהאַלטענער וואָלט געווען: אין פֿאָרעם פֿון פֿראַגעס און ענטפֿערס, אָדער שאלות און תּשובֿות.

(ג) וואָס קענען מיר דרינגען פֿון דעם שפּראַכיקן אַנאַליז פֿון די ניו־יאָרקער ייִדישע ראַדיאָ־פּראָגראַמען? דער ענטפֿער איז מיר גאַנץ קלאָר געוואָרן פֿון די שמועסן, וואָס איך האָב געהאַט אין שײַכות מיט דער הײַנטיקער טעמע, מיט די שפּראַכעקספּערטן פֿון די ראַדיאָ־אינסטיטוטן אין מערבֿ־אייראָפּע און פֿון די אינפֿאָרמאַציעס וואָס מען האָט מיר צוגעשטעלט אין ניו־יאָרק אָדער אַרײַנגעשיקט פֿון טאָראָנטאָ און פֿון ירושלים.

אין לאָנדאָן האָט מען מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין אַז אַלע שטענדיקע ראַדיאָ־ריידערס פֿון BBC מוזן ניצן אַ נאָרמירטן אַרויסרייד, ווײַל אַניט ווערט די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם צוהערער צוגעצויגן צו די באַזונדערקייטן פֿון זייער אַקצענט, אַנשטאָט צו דעם געבראַכטן מאַטעריאַל. אין פּאַריז האָט מיט אַ צײַט צוריק אַ פּראָפֿעסאָר פֿון סאָרבאָן[11] געלייענט אַ רעפֿעראַט, ווו ער האָט געטענהט, אַז די איינציקע מעגלעכקייט אויף אָפּצוראַטעווען דעם אינטערנאַציאָ־נאַלן כאַראַקטער פֿון דער פֿראַנצייזישער שפּראַך איז שטרענגער צו מאַכן די פֿאָדערונגען בנוגע אַרויסרייד פֿון די ראַדיאָ־ריידערס. אין בריסל האָב איך קאָנסטאַטירט אַז די נאָרמעס פֿון דער פֿראַנצייזישער ראַדיאָשפּראַך אין בעלגיע דערנענטערן זיך אַלץ מער צו די כּללים פֿון דער פּאַריזער שפּראַך, און אַז די אָנפֿירערס פֿונעם פֿלעמישן ראַדיאָ פֿלײַסן זיך אײַנצושטעלן אַן אַרויסרייד וואָס זאָל זײַן וואָס ווייניקער דיאַלעקטיש און וואָס נענטער צו האָלענדיש.

פֿון „קול־ישׂראל“ אין ירושלים האָט מען מיר געשריבן, אַז הגם די אַקאַ־דעמיע פֿאַר עבֿרית האָט נאָך ניט אין אַלע פּרטים אײַנגעשטעלט ענדגילטיקע אַרויסרייד־תּקנות, פֿאָדערט מען אָבער פֿון די ראַדיאָ־ריידערס, זיי זאָלן שטרענג און אויסגעהאַלטן אונטערשיידן צווישן די העברעיִשע קלאַנגען: כ און ח, כּ און ק און אַרויסברענגען דעם חילוק צווישן א און ע.

וואָס שייך די פֿאַראייניקטע שטאַטן, איז דאָך אַ באַקאַנטע זאַך אַז דאָס אַזוי גערופֿענע „דזשענעראַל אַמעריקען“ פֿאַרשפּרייט זיך אַלץ מער אויף ראַדיאָ און טעלעוויזיע און שטופּט ביסלעכווײַז אַרויס אי דעם מיזרחדיקן אי דעם דרומדיקן דיאַלעקט פֿונעם אַמעריקאַנער לשון.

דעם ליבעראַלסטן צוגאַנג האָב איך געטראָפֿן אין טאָראָנטאָ. לויט די אָנ־פֿירערס פֿון „קענעדיען בראָדקעסטינג קאָרפּאָרעישן“, מעג אַ ראַדיאָ־ריידער ניצן אָדער אַ בריטישן אַרויסרייד אָדער אַן אַלגעמיין אַמעריקאַנער אַקצענט, אָדער אַפֿילו דעם סקאָטישן, אויסטראַלישן אָדער דרום־אַפֿריקאַנער נוסח פֿון ענגליש. אָבער מען שטרײַכט אונטער: אין אַלע פֿאַלן מוז דער אַרויסרייד זײַן פֿרײַ פֿון

[11] דער באַוווּסטער פֿאָנעטיקער פּיער פֿושע, אין אַ לעקציע געהאַלטן דעם 20סטן יאַנואַר 1954 בײַם Cycle d'études supérieures de radio-télévision (Amphithéâtre Turgot).

פּראָווינציאַליזמען און דערעיקרשט — עס מוז זײַן בײַ יעדער רייִדער באַזונדער אין גאַנצן אויסגעהאַלטן.

אַזוי אַרום זעען מיר אַז בײַ די אומות־העולם פֿאָדערט זיך אומעטום וואָס מער אויסגעהאַלטנקייט. אָט דער דאָזיקער לאָזונג — אויסגעהאַלטנקייט! — מוז אויך גילטן אויף דעם ייִדישן ראַדיאָ. פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן הערט מען, אַז אויך דער יונגער דור אין אַמעריקע הייבט זיך אָן אינטערעסירן מיט די ייִדישע טראַנסמיסיעס. דאַרף מען אים ברענגען, ווי ווײַט מעגלעך, שלימות אויפֿן שפּראַכיקן געביט אויך. נאָר אויף אַזאַ אופֿן וועט דער ייִדישער ראַדיאָ זײַן ביכולת צו שפּילן די ראָלע וואָס ער קען און מוז שפּילן אין אונדזער קולטור־לעבן.

# בעל־גוף; בעל־גופֿית; פּלג־גוף

## פֿון מרדכי קאָסאָווער

אין זײַנע טיף דורכגעטראַכטע „שמועסן וועגן העברעיִש־ייִדיש און ייִדיש־העברעיִש" (ייִדישע שפּראַך, XVI (1956), זז׳ 1—8, 44—54), רעדט יהודה עלזעט ַרום עטלעכע אויסדרוקן וואָס זײַנען פֿון אויבנאויף העברעיִש לויט זייערע באַשטאַנדטיילן, אָבער טיף ייִדיש אין זייער פֿאָרעם און באַטײַט. ער דערמאָנט ־רך אַגבֿ אַ צאָל אויסדרוקן און שטעלט זיך בעיקר אָפּ אויף חלק־שני, פּלג־גוף ון בעל־גוף. וועגן די לעצטע צוויי וויל איך צוגעבן אַ צאָל באַמערקונגען.

1. יהודה עלזעט פֿאַררופֿט זיך אויף ח. נ. ביאַליקס באַרימטער דערציילונג ריה בעל־גוף און אויפֿן סמך פֿון דעם וואָס ער געפֿינט אין דער דערציילונג ופֿא קומט ער צום אויספֿיר אַז בעל־גוף איז „פּשוט גערעדט: אַן אײַנגעפֿונדע־ עטער, אַ יוסטער בעל־הבית, מיט גיטער, וועלדער און פֿעלדער, און ניט בלויז חלאות, נאָר אויך אַן אַפּותיקי... פֿון ממתּקים און מצלצלים־מזומנים" (דאָרטן, ז׳ 51—52). עס ווײַזט אויס אַז יהודה עלזעט האָט דערבײַ פֿאַרזען ביאַליקס ייגענעם בפּרטיותדיקן אויסטײַטש פֿונעם וואָרט, וואָס ביאַליק האָט געפֿונען אַר נייטיק צוצוגעבן אין אַ בריוו צו אַחד־העמען, ווען ער האָט אים, ווי דעם עדאַקטאָר פֿון השלח, צוגעשיקט די דערציילונג אויף אָפּצודרוקן. אין דעם ריוו, דאַטירט דעם 18טן (30סטן) יולי 1898, געפֿינען מיר ביאַליקס אייגענעם ויסטײַטש, וואָס מיר גיבן דאָ אין אונדזער איבערזעצונג פֿון העבעיִש:

> ...אַ „בעל־גוף" — מיט דעם צונאָמען רופֿט דער המון אין וואָלין יעדן עם־הארץ און גראָבן יונג וואָס איז געוואָרן אַ גבֿיר, אָבער געבליבן בײַ זײַן פֿאַרדאָרבנקייט, אָן קיין שום דראַנג פֿאַר חשיבֿות און איידלקייט — האָט פֿון נאַטור אויס פֿײַנט דאָס חשובֿע גבֿירותשאַפֿט און ער וויל עס ניט קענען. אָבער זײַן ווײַב, וואָס גייט אויס נאָכן נאָמען „חשובֿע גבֿירטע", האַלט אים, אויף איר שטייגער, אין איין טרײַבן דערצו, הגם ער אַליין כאַפּט זיך ניט אויף דעם...
>
> אָט דעם טיפּ, וואָס איז אויפֿגעקומען אונטער דער השפּעה פֿון דער „קאַצאַפּישער סלאָבאָדע", קען מען מערסטן טייל געפֿינען אין די אָפּגע־



> שטאַנענע שטעט (אין וואָלין), און דאָס פֿאָלק לאַכט פֿון אים אין די הויפֿנס, אַזוי ווי פֿון די עלטערע אַרענדאַרעס מיט אַ דור צוריק... אין קהלשן לעבן האָט אָט דער „בעל־גוף" קיין שום ווערדע ניט, און בשעתו — ווען עס האָט געהערשט דאָס חשובֿע און באַשיידענע גבֿירותשאַפֿט — האָט מען אויף אים געקוקט אַזוי ווי ער וואָלט גאָרניט עקסיסטירט. אָבער ער איז ווערט, מען זאָל אים באַשרײַבן צוליב דעם וואָס ער איז דער פֿאָטער פֿון אונדזער נײַעם קהלשן הערשער — סתּם אַ בעל־פּים, אָן שום ברעקל חשיבֿות, אַנגעזען אין „הײַזל" און אין שענק, און דער עיקר — ער האָט ליב דעם גוי און איז אַ תּקיף בײַ דער אָרטיקער נאַטשאַלסטווע. אָט דער תּקיף איז אַן אויסוווּקס פֿון דעם בעל־גוף. אַלץ וואָס רופֿט אַרויס אַ געלעכטער, אָבער שאַט ניט בײַ אָט דעם טאַטן, שאַלטעוועט איצט מיט חוצפּה, אין אַ ביסל אַ געביטענעם לבֿוש און קאָליר, בײַם זון...[1]

פֿון מעטאָדישן שטאַנדפּונקט האָט יהודה עלזעט ריכטיק געטאָן, ווען ער האָט געזוכט דעם אויסטײַטש פֿון בעל־גוף אין ביאַליקס דערציילונג גופֿא. אָבער צי קען מען אַלע מאָל אויסשיילן דעם גענויען באַטײַט פֿון אַ וואָרט און זײַן פֿונקציע אויפֿן סמך פֿון אַ בעלעטריסטישן מקור? ביאַליק אַליין ווײַזט אָן אין דעם ציטירטן בריוו צו אַחד־העמען אַז ערטערווײַז האָט ער מגזם געווען, ווײַל „אַנדערש וואָלט ניט מעגלעך געווען אַרויסצוברענגען זײַן כאַראַקטער", און ער גיט צו אַז אַחד־העם וועט אפֿשר אַ סך ערטער פֿון זײַן „ציור" ניט פֿאַרטראָגן.[2]

2. יהודה עלזעט האָט דעריבער געזוכט שפּעטערדיקע און פֿריִערדיקע אָנווײַזן וועגן באַטײַט פֿון בעל־גוף, און ער האָט זיך געווענדט צו העברעיִשע, ייִדישע און אַלגעמיינע ווערטערביכער. „מײַן עלטסטער אויטאָריטעט" — שרײַבט ער (ז׳ 52) — „איז ... אַווע־לאַלעמאַן [וואָס] פֿאַרטײַטשט: בעל־גוף — שענקווירט, בירווירט, ווײַנווירט. פּשוט גערעדט, אַ ייִד אַ שענקער וואָס האַנדלט מיט משקאות, האַלט אַ גאַסטהויז, אַן אַכסניא. עפּעס גאָר אַן איבערראַשונג".

„עלטסטער אויטאָריטעט" דאַרף מען דאָ פֿאַרשטיין נאָר אין לעקסיקאַלישן באַטײַט, ניט ווי אַ כראָנאָלאָגישן מקור פֿאַרן וואָרט. אָבער גאָר קשה איז דער אויספֿיר אַז דאָ רעדט זיך וועגן אַ י י ִ ד אַ שענקער. פֿון אַווע־לאַלעמאַנס אויסטײַטש קען מען עס ניט דרינגען. מען קען גיכער זאָגן אַז בעל־גוף איז דאָ אַ ייִדיש־העברעיִש וואָרט גראָד פֿאַר אַ ג ו י ִ ש ן שענקער.

לאָמיר ברענגען אַ סך אַן עלטערן מקור פֿאַרן וואָרט בעל־גוף. דאָס איז אַ גבֿית־עדות אין אַ שאלה־ותשובֿה פֿון יאָר שע״ג (1613), ד״ה מיט וואָסערע 250 יאָר פֿאַר אַווע־לאַלעמאַנס בוך, וואָס דער פֿערטער טייל זײַנער איז אַרויס אין לײַפּציג, 1862. די רייד גייט דאָ וועגן דער עגונה „מרת לאה אשת זלמן חזן מק״ק פּרילוקא", וואָס איר מאַן איז אומגעקומען, צוזאַמען מיט נאָך אַ ייִדן, דורך גויִשע רוצחים. זייערע קערפּערס האָט מען אַרײַנגעוואָרפֿן „בנהר שנקרא

---

[1] זען „אגרות אל אחד־העם", כנסת, תּש״ב, ז׳ 20 (איבערגעדרוקט בײַ פּ. לחובר, ביאליק, חייו ויצירותיו, כּרך א, תּל־אָבֿיבֿ, תּש״ד, 278).

[2] דאָרטן גופֿא. אַחד־העמס אָפּרוף ווי אַ רעדאַקטאָר זען אין אגרות אחד־העם, כּרך א, תּרפּ״ג, זז׳ 261, 302 (בריוו פֿון 11טן אויגוסט און 4טן דעצעמבער).